בס"ד

# תורת יואל

גליון מס' 14

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

## פרשת וישב תשפ"ה

## וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען וגו' (ל"ז, א)

**רש"י: בקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רוגזו של יוסף.**

צריך ביאור, פארוואס האט דער באשעפער נישט געגעבן פאר יעקב אבינו שלוה-פרידען? לכאורה וואלט עס יעקב גענוצט נאר פאר עבודת ד', קומט אים דאך א ביסל רואיגקייט, אויך איז שווער דער לשון **רוגזו** דער פאסענד'ערווארט איז **צערו של יוסף** דער צער וואס די מכירת יוסף האט געברענגט אויף יעקב אבינו.

דער רבי פארענטפערט מיט א פשט אין פסוק פון פרשת ויגש, **ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף גושנה** זאגט רש"י אז יעקב האט געשיקט יהודה צו עפענען א בית תלמוד, א ישיבה, פרעגן אלע מפרשים, יוסף אליינס האט דאס נישט געקענט מסדר זיין? און אויב דארף יעקב שיקן א שליח צו יוסף, פארוואס דוקא יהודה דער מלך פון די ברידערס, יעקב קען ווען שיקן איינע פון זיינע משמשים מיט א שליחות צו יוסף, ביטע עפן אויף א ישיבה פאר דיין משפחה וואס קומט אט אן קיין גושן.

ענטפערט דער רבי' - מיט א גמרא אין בבא מציעא, די גמרא דערציילט: **כי נח נפשיה דריש לקיש**, ווען ריש לקיש איז נפטר געווארן, האט זיך ר' יוחנן זייער מצער געווען, האבן די רבנן זיך מתיעץ געווען, ווער קען גיין בארואיגען ר' יוחנן, האט מען געשיקט ר' אליעזר בן פדת וואס איז געווען זייער א שארפער, האבן זיי געשמועסט אין לערנען און יעדע מימרא וואס ר' יוחנן האט געזאגט, האט ר' אליעזר צוגעברענגט א ראי' פון א גמרא, האט ר' יוחנן זיך אנגערופן די ביסט נישט ווי ריש לקיש, ווען איך האב געזאגט א מימרא פאר ר"ל האט ער געפרעגט 42 קשיות און איך האב געענטפערט 42 תירוצים, און די ברענגסט נאר ראיות צו מיינע ווערטער, אזוי האט זיך ר' יוחנן מתמרמר געווען.

פיהרט אויס דער רבי - פון די מעשה זעהן מיר, אז דער פלפול חברים אין א גמרא, אפי' מען קריגט זיך, אבער צום סוף קומט ארויס א קלארע פשט, דאס ברענגט שמחה פאר די לערנער'ס, און ר' יוחנן וואס האט נישט געהאט מיט וועמען צו לערנען בדרך קשי' און תירוץ, איז געווען זייער פארוויטאגט.

ווי אויך די גמרא אין קידושין דף ל', טייטש אויס דעם פסוק אין תהילים קכ"ח, **כי ידברו את אויבים בשער**, אמר רבי חייא בר אבא: אפי' אב ובנו שעוסקים בתורה ונעשים אויבים זה לזה, אינם זזים משם עד שנעשה אוהבים, רבי חייא בר אבא זאגט: אפי' ווען א טאטע לערנט מיט זיין זוהן, און זיי ווערן אזוי ווי שונאים, ווייל מען טענה'ט זיך העפטיג איבער א פשט, אבער צום סוף ווערן זיי גוטע פריינט, ווייל דער אמת'ער פשט ווערט קלאר, אין עס מאכט פרייליך א מענטש.

מיט די הקדמה ווערט פארענטפערט אלע קשיות, יהודה איז געווען דער בר פלוגתיה פון יוסף, ווי אונז זעהן מיר אז די שבטים האבן געזאגט: נאר יהודה קען צוטרעטן צו יוסף ווען יוסף האט זיי באשולדיגט אלס מרגלים, ווי עס שטייט אין מדרש אויפן פסוק **ויגש אליו יהודה**: מלכים מתדיינים זה עם זה, און יהודה וואס איז א מלך נאר ער קען רעדן צו א מלך (יוסף איז געווען משנה למלך).

במילא איז פארשטענדליך פארוואס יעקב אבינו האט געשיקט קיין גושן דוקא יהודה און נישט קיין צווייטער, ווייל דער ציהל איז געווען צו מאכן א ישיבה, ווי עס שטייט שמשם תצא הוראה, טייטש: פון דער מקום וועט ארויסקומען די ריכטיגע הוראה, און דוקא יהודה קען זיך מתווכח מיט יוסף אין די תורה, ביז מען וועט צוקומען צו א הלכה ברורה, און אזוי וועט מקיום ווערן די הבטחה משם תצא הוראה.

און דאס איז פשט אין פסוק **בקש יעקב לישב בשלוה**, יעקב האט געוואלט לערנען די הייליגע תורה בשלוה, און כדאי צוצוקומען צו א ריכטיגע פשט מוז מען האבן א חברותא צו קענען אינאיינעם אויסקנעטן און אויסהאמערן א תוספות, אונז ווייסן מיר אז **רצון יראיו יעשה**, השי"ת זוכט צו טוהן דעם רצון פון די צדיקים, איז קפץ עליו רוגזו של יוסף, שטייט רוגזו און נישט צערו, ווייל די תורה רעדט נישט יעצט פון מכירת יוסף, נאר יעקב האט פשוט געלערנט מיט יוסף, און מיט די רוגזו של תורה איז געווארן נתברר מקחו של תורה, און דאס איז דער שלוה וואס יעקב אבינו האט געזוכט. (תשכ"ב)

## וביום שמחתכם - כ"א כסלו

תורה-טרייע אידן בכלל, און סאטמארע חסידים בפרט, גרייטן זיך צום יום הצלת רביה"ק - כ"א כסלו, די סעודת הודאה האט נישט דער רבי לכתחילה איינגעפירט, די ערשטע יארן אין אמעריקע האט מען אינגאנצן נישט געפראוועט, הערשט אין תשי"ב האבן זיך עטליכע מקורבים אפגשמועסט צו אנגרייטן א סעודה, איינער האט געברענגט פיש א צווייטער קוגעל וכדו', אלעס היימיש פון שטוב, און דער רבי זי"ע האט מסכים געווען אראפצוקומען און ביהמ"ד, געוואשען צו די סעודה און געזאגט תורה, יארן שפעטער איז די סעודה געווארן פארברייטערט און צוגעגרייט מטעם הקהל און היכל הביהמ"ד (נעפ מענשן), ברוב עם.

ווי עס פארציילט הרה"ח חיים צבי וואלנער הי"ו, אז דער רבי בדרך כלל איז געווען זייער ערנסט ביי די סעודה, אפי' בשעת'ן זינגען חסדי ד', דער רבי האט יעדעס יאר געזאגט תורה לכבוד היום, נאכן בענטשען האט מען אויסגעליידיגט דעם חלל הביהמ"ד, און דער עולם האט געטאנצען ביזן עלות, ווי די דעמאלס'דיגע בחורים דערציילן איז די שמחה געווען אין לשער, יעדער איד האט זיך געפרייט און אוודאי אויך אינזינען געהאט די אייגענע הצלה.

דער רבי - ברך משה - האט קיינמאל נישט געוואלט מאכן אן אייגענע סעודה הודאה, ער פלעגט זאגן אז אין רביה"ק נס הצלה איז נכלל יעדען'ס פריוואטע הצלה, ווייל מיטן רבין'ס הצלה איז געראטעוועט געווארן די המשכה פון כלל ישראל.

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com

רביה"ק האט אליינס איינמאל געשמועסט און דערציילט די ניסים פון יענע צייט, (באשריבן דורך הרה"ח משה ארי' גליק ז"ל) דער רבי האט באשטעטיגט די באוואוסטע מעשה מיט דר' פישער, ווי זיין מוטער איז געקומען אים אין חלום און געזאגט אז נאר אויב סאטמאר רב איז אויפן באן ווערט די טראנספארט ניצל אויב נישט וועט עס אנקומען קיין אוישוויץ רח"ל.

דער רבי האט אויך דערציילט איבער די פאראהאנדלונגען ביים גרעניץ, ווי מען האט געהייסן יעדן אראפצושטייגן פונעם באן, הארט פאר אריבער פארן קיין שווייץ, און פלוצלונג האבן די דייטשן אליינס אונטער געיאגט דעם עולם ארויפצוגיין אויפן באן, און דער באן-קאמאנדיר האט איגנארירט דעם לעצטן באפעל אפצוהאלטן דעם טראנספארט, און פארצייכנט אין זיין טאג-בוך אז דער טעלעגראם איז אנגעקומען שוין נאכן אריבערפארן דעם גרעניץ, דער גאנצער וועג איז געווען ניסים חוץ לדרך הטבע.

**להשלמת הענין וועלן מיר ברענגן חרוזים פאסיג פאר דעם גרויסן טאג.**

**כ**ן הדבר. הוא הגבר. אחר השבר. של מלחֶמֶת כלי'
**א**חרי ככלות. רביה"ק במקהלות. העמיד הדת כראוי
**כ**י יום חד בחצירו. רשם הוד קדושתו. על איש וביתו
**ס**מא דחיי בני ומזוני השפיע לנו עד זיבולא בתריתא
**ל**כן אנו חייבים לשבח ולהלל ביום הזה. לאֶפֶס זולתו
**י**צו ד' חסדו וטובו לעדתו. ולכל מאן דעסקין בתורתו
**ו**יום הזה יהי' לזכרון ולאות עולם. למען תספר מופתי